בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

ויחי - שמות | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תע"ב

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל



**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' הערש יואל שווארץ הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי **בתו הכלה החשובה תחי'**

עב"ג החתן היקר כמר **חיים מנחם מענדל** נ"י בן מחותנו הרב **שמחה גינצבורג** הי"ו

**ביום ד' שמות הבעל"ט** למז"ט בשעטומ"צ

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות


## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (כט)

**פאלגנד זענען עטליכע שאלות וואס זענען נוגע ווען "עשרה בטבת פאלט אויס פרייטאג":**

### אויב מ'וויל טרינקען טיי נאך קידוש

**שאלה: אויב עס איז שווער אנצוהייבן די סעודה באלד נאך קידוש און מען וויל טרינקען א טיי א.ד.ג., צי דארף מען מאכן "שהכל" אויף דער טיי, אדער עס ווערט גע'פטר'ט מיט'ן "הגפן" אויפ'ן וויין?**

**תשובה:** אויב מען האט אינזין געהאט ביי קידוש אז די ברכה זאל ארויפגיין אויך אויף דער טיי, אדער די טיי איז געלעגן פאר'ן מענטש בשעת'ן זאגן די ברכה "הגפן", דארף מען נישט מאכן "שהכל" אויף דער טיי, ווייל עס ווערט גע'פטר'ט מיט'ן "הגפן" אויפ'ן וויין.[1]

די בני בית וועלכע מאכן נישט אליין קידוש און טרינקען פונעם וויין נאר אביסל [וויניגער ווי אן אונץ און א האלב], זאלן לכתחילה מאכן שהכל און עסן עפעס, און ערשט דערנאך טרינקען דעם טיי.[2]

### א נאך-ברכה

**שאלה: וואס איז לגבי א נאך-ברכה. צי דארף מען זאגן "בורא נפשות" נאכ'ן טרינקען די טיי, אדער עס ווערט גע'פטר'ט מיט'ן בענטשן, אזוי ווי די נאך-ברכה אויפ'ן וויין וואס מען טרינקט ביי קידוש ווערט גע'פטר'ט מיט'ן בענטשן?**

**תשובה:** וויבאלד מ'טרינקט עס כדי עס זאל זיין לייכטער צו עסן דערנאך די סעודה, דארף מען נישט זאגן "בורא נפשות", ווייל עס הייסט ווי עס האט א שייכות צו דער סעודה און עס ווערט גע'פטר'ט מיט ברכת המזון נאך דער סעודה.

### ווען מ'עסט נישט די סעודה גלייך

אויב מ'מאכט א הפסק נאך קידוש ביז דער סעודה, צ.ב.ש. מען וועט עסן די סעודה ערשט אין א האלבע שעה ארום, זאל מען מאכן א נאך-ברכה "על הגפן" אויפ'ן וויין, און שפעטער זאל מען מאכן נאכאמאל "הגפן" אויפ'ן וויין וואס מ'וויל טרינקען אינמיטן דער סעודה.

### מזונות פאר דער סעודה

אויב מען וויל עסן מזונות פאר דער סעודה, דארף מען מאכן א פאַר-ברכה. אויב מען וועט עסן א שטיקל דערפון אויך ביי דער

⊲

## א געלונגענע אינוועסטמענט

לכבוד מכון הליכות החיים,

די פאלגנדע מורא'דיגע מעשה האט איר אמאל געשריבן אין "הליכות החיים". לעצטנס איז מיר אויסגעקומען צו הערן די מעשה מיט די גענויע איינצלהייטן פון הרב ר' אפרים שפירא שליט"א, זון פונעם בעל המעשה, וואס איך גיב דא איבער אין זיינע ווערטער:

אין יאר תשי"א לפ"ק, איז מיין טאטע, הרב ר' מרדכי ז"ל, איינמאל אין א פרייטאג געווען אין תל אביב, און ער האט געזען דארט ווי א איד מיט א לאנגע ווייסע בארד שטייט אין א קיאסק און פארקויפט זיינע פראדוקטן. דער איד איז די גאנצע צייט געזעסן און געלערנט, און ווען עס איז געקומען אריינגעקומען א קונה האט ער אים געגעבן וואס ער האט געדארפט און דערנאך ווייטער פארגעזעצט מיט'ן לערנען.

אינצווישן זעט מיין טאטע ווי עס קומט אריין איינער און וויל קויפן א פאר ציגארעטלעך. פרעגט אים דער איד, "זאג, אפשר ווייסטו וויפיל אזייגער עס איז יעצט?" "עס איז א פערטל נאך צוועלף," ענטפערט יענער. "אויב אזוי," זאגט דער איד, "קען איך דיר נישט פארקויפן קיין ציגארעטן, ווייל אז דו קויפסט עס יעצט, האב איך מורא אז עס זאל נישט ארויסקומען דורך דעם קיין חילול שבת."

מיין טאטע האט באטראכט דעם איד'ס אויפפירונג און האט זיך נישט געקענט איינהאלטן. ער איז צוגעגאנגען און געכאפט א שמועס מיט אים. "איך הייס יאנקל אקסענקרויט," האט יענער זיך פארגעשטעלט. זיי האבן זיך אריינגעלאזט אין א שמועס, און מיין טאטע האט אים דערציילט אז ער קומט פון אמעריקע. האט דער איד אים געפרעגט צי ער ווייסט אפשר וואס עס איז געווארן מיט "אהר'קע סוויזליצער". מיין טאטע האט פארשטאנען אז דאס מיינט ער דעם גרויסן גאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל, וואס מען האט אזוי גערופן אלס קינד וויבאלד ער איז געקומען פון דער שטאט סוויזליץ.

"אוודאי האב איך געהערט פון אים," האט מיין טאטע געזאגט. "ער איז דער גרויסער שר

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

מו"ה ר' **חיים פרידמאן** הי"ו

לרגל השמחה במעונו בנישואי **בתו הכלה החשובה** תחי'
עב"ג הבחור החתן המהולל כמר **שמואל דאנציגער** ני"ו

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם
לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות
ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

סעודה דארף מען נישט מאכן דערנאך "על המחי'"[3], אבער אויב מען מאכט א הפסק פון א האלבע שעה א.ד.ג. ביז דער סעודה, זאל מען מאכן "על המחי'" (און "על הגפן" אויפ'ן וויין ווי געשריבן פריער).

בדיעבד, אויב מ'האט נישט געמאכט "על המחי'" ווערט עס גע'פטר'ט מיטן בענטשן און מ'דארף שוין נישט מאכן "על המחי'".

## דער שיעור צו טרינקען ביי קידוש

**שאלה: אויב עס איז שווער צו טרינקען דעם כוס פון קידוש צוליב'ן תענית, וויפיל דארף מען טרינקען יוצא צו זיין קידוש?**

**תשובה:** מען דארף טרינקען ביי קידוש רוב פון א "רביעית" (אביסל מער ווי אן אונץ און א האלב). אויב מען טרינקט וויניגער האט מען נישט יוצא געווען.[4]

אין פאל וואס עס איז שווער צו טרינקען רוב פונעם רביעית, זאל מען טרינקען אביסל און געבן פאר אן אנדערן צו טרינקען דאס איבעריגע פונעם רוב רביעית. (אויב יענער האט נישט אינזין געהאט יוצא צו זיין די ברכה פון אים, זאל ער מאכן "הגפן").

## מאכן קידוש צווישן 6 און 7 אזייגער

**שאלה: דער וואס איז אלעמאל מקפיד נישט צו מאכן קידוש צווישן זעקס און זיבן אזייגער, און עס איז אים שווער צוווארטן צוליב דעם תענית, צי דארף ער זיך מתיר נדר זיין?**

**תשובה:** מען קען זאגן "אב הרחמים הוא ירחם עם עמוסים וכו'" (וואס מען זאגט פאר'ן לייענען) און מאכן קידוש צווישן זעקס און זיבן אזייגער, און מען דארף זיך נישט מתיר נדר זיין וויבאלד מען האט זיך דאס איינגעפירט נאר אין געווענליכע וואכן, נישט ווען מען פאסט, און מען וועט ווייטער אין געווענליכע וואכן אנהאלטן דעם מנהג.[5]

* * *

התורה און גרינדער פון דער גרויסער אימפעריע פון תורה אין אמעריקע."

ווען דער איד האט דאס געהערט, האט ער אנגעהויבן צו וויינען. מיין טאטע האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, האט דער איד אנגעהויבן אים דערציילן: "אין מיינע יונגע יארן, האב איך געוואוינט אין מינסק. איך האב זייער געוואלט אסאך לערנען, אבער עס איז מיר נישט אויסגעקומען, ווייל איך האב געהאט א פלייש-געשעפט און כ'בין געווען פארנומען צו פארקויפן פלייש פאר די איינוואוינער אין שטאט. עס האט מיך אלץ געדריקט וואס איך קען נישט אזויפיל לערנען, און ליב האבנדיג די לומדי תורה, איז מיר איינגעפאלן א געדאנק, אז פאר יעדן קילא פלייש וואס איך וועל פארקויפן, וועל איך אוועקלייגן איין קאפיקע (א שטייגער ווי א פעני היינט) פון די פארדינסטן כדי צו פארמערן תורה אויף דער וועלט.

"נאך אסאך יארן, ווען עס האבן זיך שוין געהאט אנגעזאמלט א פאר גרויסע זעק מיט קאפיקעס, האב איך דאס גענומען, ארויפגעלייגט אויף א וואגן און עס געפירט צום חדר פון שטאט. איך בין אריין צום מנהל און אים געזאגט, 'אט האט איר דאס געלט. נעמט עס און קלויבט אויס צוויי קינדער, מתמידים, בעלי כשרונות, און שיקט זיי אויף מיינע שפעזן קיין סלאבאדקע, זיי זאלן דארט לערנען און אויסשטייגן אין תורה.'

"איינס פון די צוויי קינדער וואס דער מנהל האט אפגעשיקט צו דער סלאבאדקער ישיבה אויף מיין חשבון, איז געווען 'אהר'קע סוויזליצער'," האט דער איד דערציילט. "איך האב נישט געהערט פון אים ביז יעצט, און אז דו דערציילסט מיר וואס עס איז אויסגעשטיגן פון אים אין זכות פון מיינע זעק מיט קאפיקעס, ברענגט דאס מיר צו טרערן!"

מיין טאטע האט זיך אפגעזעגנט פון דעם איד פול מיט התרגשות. א איד מיט ברענענדיגער אהבת התורה האט זיך אנגעזאמלט א סכום געלט און אינוועסטירט אין א יונג קינד, ווען קיינער האט נישט געוואוסט וואס עס וועט אמאל ארויסקומען פון אים. דערמיט האט ער געשאנקען כלל ישראל דעם גרויסן גאון וואס האט געמאכט א מהפכה אינעם עולם התורה, וואס די פירות דערפון ציען זיך ווייטער אן אויפהער - א זכי' וואס ווייניג האבן געהאט. מיין טאטע פלעגט דאס כסדר דערציילן מיט וואונדער.

יארן זענען אריבער פון דער מעשה. איינמאל איז דער גרויסער גאון און פוסק רבי יעקב קאמענעצקי זצ"ל געקומען צו מיין טאטן אויף א באזוך, און מיין טאטע האט אים דערציילט די מעשה. הגאון רבי יעקב האט צוגעשטימט

השומר שבת הבן עם הבת לא ירצו

די "זמירות שלחן השבת" איז ממש אן אוצר מלא, פאסיג און געאייגנט צו לערנען דערין אינאיינעם מיט דער משפחה. עס דעקט ממש רוב שכיח'דיגע שאלות לויטן היינטיגן מציאות ביז הלכה למעשה.

**פארלערנען ביי די שבת סעודה פאר דער משפחה איז א געוואלדיגע זאך אלס כמה טעמים:**

א) די קינדער זאלן קענען זיין שומרי שבת - ווי עס שרייבט הרה"ק דער רבי ר' יונתן אייבשיץ אין יערות דבש, אז ס'נישט מעגליך מ'זאל היטן שבת כהלכה אויב מ'קען נישט די הלכות.

ב) ווען קינדער דערוויסן זיך די הלכות יונגערהייט איז עס ביי זיי "גירסא דינקותא" וואס מ'געדענקט און מ'פירט זיך ריכטיג אלע יארן שפעטער.

ג) עס איז א זעלטענעם געלעגנהייט - בפרט אין אזא הייליגע צייט ווי ביי סעודות שבת - פארן טאטן צו מקיים זיין די מצות עשה פון 'ולימדתם אותם את בניכם' אליין אן א שליח, און עס לאזט א רושם אויף אלעמאל.

הגאון הגדול **רבי בצלאל טובי' ווערטשטיין שליט"א**
בעל בצל הטוב ודומ"ץ בעלזא מאנסי

**טויזנטער
משפחות
לערנען פאר
הלכות שבת
ביי
סעודות שבת
הלכה למעשה**



שוין נאכאמאל דא צו באקומען אין די געשעפטן
**פאר גרעסערע באשטעלונגען פאר א ספעציעלע פרייז** - פאר שבת התוועדות'ן, שבת שבע ברכות א.ד.ג. - **רופט 845-659-1547**

## אריינרעכענען אן אלטן חוב אין חשבון

**שאלה: א פאר יאר צוריק האב איך געטון פאר א איד א געוויסע גרויסע ארבעט, און דער איד איז מיר שולדיג געבליבן צוויי טויזנט דאלער. במשך דער צייט האב איך אים עטליכע מאל דערמאנט דערוועגן, און ער האט מיר געהאלטן אין איין זאגן אז יא, ער האפט בקרוב דאס צו באצאלן. למעשה, שלעפט זיך די זאך שוין א לאנגע צייט, און ער האט נאך אלץ נישט באצאלט.**

**לעצטנס האט דער איד נאכאמאל באשטעלט ביי מיר אן ארבעט, און איך האב אפגעמאכט מיט אים אז ווען די ארבעט וועט זיין כמעט פארטיג וועל איך אים געבן דעם חשבון און ער וועט באצאלן, און דאן וועל איך ענדיגן די ארבעט אינגאנצן. דאן איז מיר איינגעפאלן, אז היות איך דארף אים געבן דעם חשבון מיט'ן סכום, און ער געטרויט מיר דערויף, וועל איך שוין צולייגן אינעם יעצטיגן חשבון אויך די צוויי טויזנט דאלער פונעם חוב וואס ער איז מיר שולדיג, און אזוי וועט דאס ווערן אפגעצאלט.**

**די שאלה איז, צי מעג איך אזוי טון, אדער עס הייסט ווי איך האב יענעם אפגענארט, ווייל ער ווייסט נישט אז צוויי טויזנט דאלער דערפון איז פאר'ן אלטן דזשאב.**

**תשובה:** וויבאלד יענער איז מודה אז ער קומט דאס געלט, נאר ער שלעפט ארום שלא ביושר, קען מען טון אזוי.[6]

אויב עס איז אבער דא א סכסוך אין דעם צי ער איז שולדיג דאס געלט אדער נישט, טאר מען נישט טון אזוי, נאר מען דארף דאס געהעריג דורכרעדן מיט א מורה הוראה.

## צורעכענען אן אלטן צדקה-חוב אין א נייעם חשבון

**שאלה: וואס איז די הלכה אויב איינער האט צוגעזאגט געלט פאר א צדקה-ענין און ער האט נאכנישט באצאלט, און יעצט האט מען די געלעגנהייט אים צוצורעכענען דעם סכום געלט אין אן אנדער חשבון וואס מען דארף אים איבערגעבן. צי מעג מען אזוי טון?**

**תשובה:** כאטש עס איז א הארבער חיוב צו באצאלן וואס מען זאגט צו פאר צדקה, איז עס אבער נישט קיין געלט-חוב פאר יענעם, נאר א חיוב פונעם מענטש כלפי שמיא. דערפאר טאר מען דאס נישט צורעכענען אין אן אנדער חשבון.

## דער שיעור פון עסן מצה ביי שלש סעודות

**שאלה: אינעם פריערדיגן גליון האט מען געשריבן אז ווען איינער איז נישט הונגעריג און וואשט זיך צו א סעודה, צ.ב.ש. שלש סעודות, דארף ער עסן א שיעור פון א "כביצה". וואס איז אויב מען וואשט זיך אויף מצה, ווי אסאך טוען ביי שלש סעודות; וויפיל איז דער שיעור וואס מען דארף עסן דערפון?**

**תשובה:** א געווענליכע חמצ'דיגע מצה איז בערך א שיעור פון א "כביצה" (ממש א קלייניגקייט מער), דערפאר זאל מען עסן א גאנצע מצה.[7]

## ווען מען וואשט זיך נישט אין דער זעלבער שטוב

**שאלה: מיר האבן נישט קיין אריינגעבויטן סינק אינעם דיינינג-רום, און שבת וואשט**

1. דיין פוטר כל מיני משקין אם היו לפניו או שהיה בדעתו לפטרו, כמו שמבואר סי' קעד ס"ב ובסי' רח סט"ז לענין ברכה אחרונה. **2.** לצאת דעת המ"ב (ביה"ל סי' קעד ד"ה יין) הסובר שיין פחות מכמלא לוגמיו אינו פוטר. **3.** כמבואר בסי' קע"ו בביהל ד"ה על ברך על הפרפרת וכ"כ בערוך השלחן סי' קעו ס"ח ובסי' ער"ב סט"ז. **4.** כמבואר בסי' ער"א סי"ג צריך לשתות כמלא לוגמיו ואם לא טעם לא יצא ובשועהר סי' קץ ס"ב. **5.** כמבואר בפוסקים ביו"ד סי' רי"ד דעת הדגול מרבבה דכיון שרוצה לחזור למנהגו ורק עכשיו מחמת רעבון או חלשו א"צ התרת נדרים. ועיין שו"ת חשב האפוד ח"ב סי' נ"א. **6.** עי' בספרנו ממונם של ישראל ח"ב ע' קמד. **7.** ונעזרנו בזה לענין מדידת השיעורים ע"י המומחה בענינים אלו, הרב רבי גדלי' גרינוואלד שליט"א, מראשי הכוללים פה בשיכון סקווירא. **8.** דניגוב הידים הוא חלק מהנטילה. ויש שכתבו שאם אחד מבני הבית נשארו שם במקום הסעודה דמהני לכתחילה כמו הניחו מקצת בנ"א לגבי שינוי מקום. **9.** כמבואר בערוה"ש קסו ס"ב דמענין הסעודה לא הוי הפסק אפילו יותר מכ"ב אמה, דהפסק אינו רק אם שוהה בלא צורך, ובפרט דהוא מחדר לחדר דמהני דעתיה ע"ז. **10.** עי' רביד השלחן רעג אות ג. **11.** דהוא חמיר יותר מממחשבה לצדקה דיכול לשנות לעני אחר כיון שהוא מעשה, וע"כ צריך לחזור אחר אותו עני ואם אינו מוצא יתן לעני אחר עיין ספר אמרי יעקב על שועה"ר סי' א' ובויברך דוד הל' צדקה סי' שפ. **12.** כמבואר בפוסקים דמותר להשתמש בנכסי חבירו באותו מקום שבסתמא אינו מקפיד עיין שועה"ר חו"מ סי' י"א ס"ה. ראה בספרנו הפרשה בהלכה פר' ויקרא ופר' ואתחנן.

אויף יעדן ווארט, ווי ער ווייסט דערפון. דערנאך האט ער געזאגט פאר מיין טאטן, "ר' מרדכי! די מעשה גייט טאקע פינקטליך אזוי ווי איר האט דערציילט. איך געדענק עס גוט, ווייל דאס צווייטע קינד בין איך געווען!"

עס איז שווער זיך פארצושטעלן ווי אזוי די תורה-וועלט נאך דער מלחמה אין אמעריקע וואלט אויסגעזען אן די צוויי גרויסע תורה-פערזענליכקייטן, אויב די צוויי קינדער וואלטן צוליב דעם ארעמען צושטאנד אין שטוב פון זייערע עלטערן נישט געקענט גיין לערנען אין דער ישיבה. דאס מאנט פון אונז פיל אויך אין אונזערע צייטן, ווען עס זענען דא אזויפיל יונגע צורבא דרבננ'ס, וואס אויב קוקן מיר זיך אום אויף זיי ריכטיג, וועלן זיי קענען הויך אויסשטייגן און באלייכטן די וועלט מיט תורה און עבודה. ווי גרויס איז דעריבער דאס אחריות וואס ליגט אויף אונז, נישט צו לאזן פארפאלן גיין אט-די טייערע בריליאנטן און זארגן שטענדיג פאר זייער הצלחה אין תורה, אז עס זאל זיי גארנישט פעלן.

## ווען דער רבש"ע נעמט אלעס איבער

הרב שלמה פרייפעלד שליט"א דערציילט די פאלגנדע מעשה:

עטליכע יאר צוריק, האט פאסירט א טראגעדיע אין ארץ ישראל, ווען א איד איז ל"ע פריצייטיג אוועק פון דער וועלט און פאר'יתומ'ט זיין משפחה. ער האט איבערגעלאזט נאך זיך א זון, א אינגל אונטער בר מצוה. אין דעם בית המדרש וואו ער האט געדאווענט, איז געווען איינער וועלכער האט רחמנות געהאט אויף זיין זון, דעם יתום, און האט אים שטארק מקרב געווען. ער האט אנגעהויבן לערנען מיט אים אין אזעלכע צייטן ווי ביי "אבות ובנים" א.ד.ג. און האט אים ארויסגעוויזן א ווארעמקייט.

דער אינגל האט געפונען ביי דעם איד א ווארעם הארץ און אפן אויער און פלעגט זיך אויסרעדן צו אים זיינע ווייטאגן און זארגן, און דער איד האט אים געהאלפן מיט וואס ער האט געדארפט. מיט דער צייט האט מען פונעם חדר פון דעם אינגל געבעטן דעם איד, צי ער וואלט געקענט לערנען מיט דעם אינגל איין שעה יעדן טאג. ער האט מסכים געווען, און יעדן טאג נאכ'ן דאווענען פלעגט דאס קינד קומען אין בית המדרש לערנען מיט אים, און ער האט שטארק הנאה געהאט.

איין טאג האט דער איד זיך געטראפן אין א מצב, וואס ער האט געמוזט גאר דרינגנד שאפן א סכום געלט פון עטליכע טויזנט שקלים. ער

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

**הרה"ח ר' הערשל שפיץ שליט"א**

לז"נ חמותו האשה החשובה

**מרת חוה ב"ר חנני' יו"ט ליפא ע"ה**

**תהא נשמתה צרורה בצרור החיים**

**מען זיך אינעם דערנעבנדיגן צימער** (קיך א.ד.ג.). **צי הייסט דאס א הפסק?**

**תשובה:** לכתחילה דארף מען אכטונג געבן נישט צו מאכן קיין הפסק צווישן נטילת ידים און "המוציא". דערפאר, ווען מען וואשט זיך אין אן אנדער שטוב, זאל מען אפוווישן די הענט ערשט ווען מען קומט אריין אין דיינינג-רום, וויבאלד דאס אפווישן די הענט איז א חלק פון דער מצוה פון נטילת ידים.[8]

בדיעבד, אויב מען האט געענדיגט זיך אפווישן די הענט אין קיך, האט מען יוצא געווען, און דאס גיין הייסט נישט קיין הפסק.[9]

## הידור צו מאכן א סינק אין דיינינג-רום

**שאלה: צי איז דא א הידור ווען מען בויט א הויז, צו מאכן א סינק אין דיינינג-רום, כדי מען זאל זיך קענען וואשן צו דער סעודה אין דער זעלבער שטוב ווי מען עסט?**

**תשובה:** עס איז זיכער דא א הידור אזוי צו טון אויב מ'קען, כדי אז מ'זאל זיך קענען וואשן אינעם זעלבן שטוב וואו מ'מאכט המוציא.[10]

## אויב דאס קרעדיט-קארטל איז נישט דורכגעגאנגען

**שאלה: אויב מען האט געגעבן א קרעדיט-קארטל פאר איינעם וואס איז געגאנגען נאך געלט אין שוהל, און שפעטער זעט מען אז דער סכום איז נישט דורכגעגאנגען, צי מוז מען זען אז דאס געלט זאל אנקומען צו אים וויבאלד מען האט געטראכט אים צו געבן, אדער נישט?**

**תשובה:** וויבאלד מען האט שוין געגעבן דאס קארטל, הייסט דאס ווי מען האט צוגעזאגט צו געבן דעם סכום פאר צדקה, און אויב מען טרעפט דעם איד זאל מען אים געבן דאס געלט.[11]

אויב מען טרעפט אים נישט, זאל מען געבן דעם סכום פאר א צווייטן וואס גייט פאר'ן זעלבן צוועק. צום ביישפיל, אויב יענער האט געזאגט אז ער גייט פאר הכנסת כלה, זאל מען עס געבן פאר א צווייטן וואס גייט אויך פאר הכנסת כלה.

אויב ווייסט מען נישט פאר וועלכן צוועק ער איז געגאנגען, זאל מען פרעגן א שאלה.

## ניצן יענעמ'ס שפילצייג אין אן ארויסגעדונגענער דירה

**שאלה: עס איז געשטאנען א תשובה אינעם גליון, אז איינער וואס פארדינגט זיין דירה פאר א צווייטן איז נישט מחוייב צוצושטעלן שפילצייג פאר יענעמ'ס קינדער. וואס איז די הלכה אויב ער האט יא געלאזט שפילצייג אין דער דירה - צי מעג מען שפילן דערמיט, אדער עס איז נישט קיין חלק פונעם שכירות?**

**תשובה:** אויב עס איז טייערע חפצים וואס קענען זיך שנעל צעברעכן און קאליע ווערן אדער עס ווערט זייער שנעל שמוציג, זאל מען זיך נישט באנוצן דערמיט, אבער געוועגליכע שפילצייג ווי לעגאָס א.ד.ג. וואס ווערן נישט שנעל קאליע, קען מען ניצן אין דער שטוב וואו עס ליגט, בתנאי אז מען גיט אכטונג אז עס זאל נישט שמוציג ווערן, ד.ה. נישט שפילן דערמיט אינמיטן עסן, נישט עסן און טרינקען בשעת'ן שפילן דערמיט, אא"וו.[12]

האט געטראכט אז באלד נאכ'ן דאווענען וועט ער לויפן זוכן פון וואו צו שאפן דאס געלט, אמוויינינגסטנס א הלוואה. דאן האט ער זיך געכאפט אז דאס קינד ווארט צו לערנען מיט אים, און ווי קען ער דען אוועקנעמען פון אים די הנאה? פון דער אנדערער זייט, האט ער געפילט אז ער האט פשוט נישט דעם קאפ צום לערנען. וואס טוט מען? צום סוף האט ער אפגעמאכט אז ער וועט נישט אויסשפילן דאס קינד, נאר וועט צוערשט לערנען מיט אים, און דער אויבערשטער וועט שוין העלפן.

דער איד איז געבליבן לערנען מיט'ן יתום אין בית המדרש. נאכ'ן שיעור, ווען ער האט געוואלט אוועקגיין, האט דער אינגל זיך אנגערופן צו אים און געפרעגט ערלויבעניש, צי ער מעג אים עפעס פרעגן. ער האט געגעבן זיין צושטימונג, און דער אינגל האט אים געפרעגט: "איך זע אויף אייך, אז עפעס איז היינט אנדערש. צי קומט עפעס פאר? איז אלעס ביי אייך אין ארדענונג?" דער איד איז געווען איבערראשט פונעם קינד'ס תמימות'דיגער שאלה און האט אים געזאגט דעם אמת, אז עס האט זיך אים געמאכט פון איין מינוט אויף דער אנדערער א געלט-דאגה, און דאס שטערט אים אביסל די רואיגקייט. "אבער דארפסט זיך נישט זארגן," האט ער געזאגט פאר דעם אינגל. "אלעס וועט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף זיין גוט." און דערמיט דעם האט ער אים אפגעזעגנט.

דאס קינד איז געווען זייער איבערגענומען פון דעם איד'ס דאגה. ער האט געווארט ביז דער איד האט פארלאזט דאס בית המדרש, און דאן איז ער צוגעגאנגען צום ארון קודש און מיט א תהילימ'ל זיך צוגעשטעלט דארט וויינען.

ווען ער איז אוועקגעגאנגען פונעם ארון קודש, איז צוגעקומען צו אים א איד און געפרעגט פארוואס ער האט געוויינט, וואס עס דריקט אים. האט דאס קינד דערציילט, אז עס איז דא א איד, וואס זייט זיין טאטע איז אוועק פון דער וועלט איז ער פאר אים ממש ווי א טאטע. ער נעמט אים אוועק זיינע דאגות און איז אלעמאל דא אים צו העלפן, און יעצט איז דער איד אליין אין א נויט, און ער, דער יתום, זארגט זיך פאר אים. דערפאר האט ער געבעטן אז דער אויבערשטער זאל העלפן דעם איד, ער זאל האבן די סומע געלט וואס עס פעלט אים.

"וויפיל געלט דארף דער איד האבן?" האט יענער געפרעגט.

"איך ווייס נישט," האט דער יתום געענטפערט, "אבער איך ווייס אז ער דארף דאס געלט זייער וויכטיג."

"נעם מיין טעלעפאן," האט דער איד אים געזאגט. "רוף אים אן דא, ווען דו שטייסט נעבן

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**

**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

# ברוך שנתן תורה

## הלכות ועניני קריאת התורה (ג)

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת
הרה"ח ר' **יוסף בנימין זאב**
ב"ר **שרגא פייוול** ע"ה
והאשה החשובה מרת **חי' שרה** בת ר' **יוסף** ע"ה
יא"צ כ"א טבת ת.נ.צ.ב.ה.
הונצח ע"י בנו/נכדה ידידינו הנדיב הנכבד
**מוה"ר טובי' מערמעלשטיין הי"ו**

### האלטן די ספר תורה אין דער רעכטער האנט

**א]** ווען דער שליח ציבור גייט מיט דער ספר תורה, זאל ער איר האלטן אין דער רעכטער האנט, ווי עס שטייט אין פסוק "וימינו תחבקני", און אויך ווייל די תורה איז געגעבן געווארן מיט דער רעכטער האנט, כביכול, פונעם אויבערשטן. ער קען אבער צוהעלפן מיט דער לינקער האנט[1].

**ב]** א געלינקטער זאל אויך האלטן די ספר תורה אין דער רעכטער האנט[2]. אויב עס איז א שוועערע ספר תורה און ער האט מורא אז עס זאל נישט ח"ו אראפפאלן, קען ער עס האלטן אין דער לינקער האנט[3].

### שטיין ווען מען עפנט דעם ארון הקודש

**ג]** ווען מען נעמט ארויס די ספר תורה, איז מען מחויב הלכה'דיג צו שטיין, ביז מען לייגט עס אראפ אויף דער בימה, און מען זאל זיך נישט אנלענען אויף קיין שום זאך[4].

**ד]** אויב איינער האלט אינמיטן "יוצר אור" און מען נעמט ארויס א ספר תורה, זאל ער זיך אויפשטעלן.

### א עלטערער מענטש וואס עס קומט אים אן שווער צו שטיין

**ה]** אן עלטערער מענטש וואס עס איז אים שווער צו שטיין א לענגערע צייט, זאל שטיין




מיר, און פרעג אים וויפיל געלט ער דארף." דאס קינד האט אנגערופן דעם איד און געזאגט אז ער וויל וויסן וויפיל געלט עס פעלט אים. דער איד איז געווען איבערראשט צו הערן די פראגע און האט געטראכט צו זיך, פארוואס רופט דאס קינד, וואס ער קען ער שוין טון דא צו העלפן? אבער דער אינגל האט נישט נאכגעלאזט און געזאגט אז איינער דארף דאס וויסן.

"זיבן טויזנט שקלים איז די סומע וואס איך דארף יעצט נויטיג," האט דער איד געענטפערט.

דאס קינד האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, און דער איד וואס איז דארט געשטאנען האט אים באלד אויפ'ן פלאץ אויסגעשריבן א טשעק אין דעם סכום פון זיבן טויזנט שקלים, זאגנדיג פאר'ן אינגל, "גיי, גיב דאס פאר דעם איד וואס לערנט מיט דיר און זאג אים אז עס איז א מתנה פון הימל."

דער אינגל האט גענומען דעם טשעק און מיט איין שמחה געלאפן צו דעם איד וואס לערנט מיט אים און עס אים דערלאנגט.

"ווער האט עס דיר געגעבן?" פרעגט ער אים, "און אויף ווי לאנג איז די הלוואה?"

"א איד האט עס מיר געגעבן, און ער זאגט אז דו דארפסט עס קיינמאל נישט באצאלן. עס איז מתנה מן השמים," האט ער געענטפערט.

פירט אויס רבי שלמה: "אז דער איד וואלט נישט געקומען לערנען מיט'ן קינד, נאר געגאנגען 'מסדר זיין' דאס געלט וואס ער האט געדארפט, וואלט ער אפשר יא געשאפן דאס געלט, און אפשר נישט. זיין גרעסטע גליק וואלט געווען אויב ער וואלט געטראפן ערגעץ וואו צו נעמען א הלוואה.

"יעצט, אבער, אז ער האט איבערגעגעבן זיין דאגה אין האנט פונעם אויבערשטן אליין און געמאכט דעם חשבון אז ער וועט גיין לערנען מיט'ן קינד און אז דער אויבערשטער וועט שוין מסדר זיין פאר אים וואס ער דארף, האט ער געהאט א באלדיגע ישועה מער ווי ער האט זיך געראכטן."

אזוי לערנט אונז דער "חובת הלבבות", אז וואס מער א מענטש גיט זיך איבער אין די הענט פונעם אויבערשטן, איז ער אלץ מער זוכה צו ישועות און אפענע נפלאות.

### גוטע שידוכים בזכות פון מכבד זיין שבת כלה מלכתא

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

איך האב געלייענט א מעשה פון איינעם פון די גדולי הדור, אז אמאל איז געקומען צו אים אן

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**הפצת הגליון נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' שמואל שערמאן הי"ו**

לרגל השמחה במעונו באירוסי **בתו הכלה החשובה תחי'**
עב"ג החתן היקר כמר **דוד אייזענבערגער** ני"ו למז"ט בשעטומ"צ

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות

כאטש בשעת מען נעמט ארויס די ספר תורה פונעם ארון הקודש.

## גיין צו דער רעכטער זייט

**ו]** ווען דער שליח ציבור ברענגט די ספר תורה פונעם ארון הקודש צו דער בימה, זאל ער גיין צו דער רעכטער זייט, אפילו אויב עס איז א לענגערער וועג[5].

**ז]** ווען מען ברענגט די ספר תורה צו דער בימה קושט מען איר, צו ווייזן א חביבות צו דער תורה[6].

**ח]** לכתחילה זאל מען קושן די ספר תורה מיט'ן מויל, ווי עס שטייט אין פסוק "ישקני מנשיקות פיהו". אויב עס איז שווער, צ.ב.ש. עס זענען דא אסאך מענטשן, קען מען קושן מיט די הענט. אנדערע פוסקים האלטן אז בכל-אופן איז ריכטיג צו קושן מיט די הענט[7].

## די תפילה פון "אב הרחמים"

**ט]** אינעם ספר "דברי ישראל" (פרשת ויקהל) ווערט ערקלערט די תפילה פון "אב הרחמים" וואס מען זאגט פאר'ן לייענען, אז עס איז באוואוסט וואס רש"י הק' זאגט אויפ'ן ציווי פון השי"ת צו משה רבינו "קח לך צנצנת המן והנח אותה לפני ה' למשמרת לדורותיכם", אז ווען ירמי' הנביא האט מוסר געזאגט פאר אידן אז זיי זענען נישט עוסק אין לערנען תורה, האבן זיי גע'טענה'ט צו אים, אז אויב זיי וועלן אפלאזן זייערע געשעפטן, וועלן זיי דאך נישט האבן פון וואס זיך צו שפייזן. האט ירמי' ארויסגענומען פאר זיי די "צנצנת המן" וואס משה רבינו האט אוועקגעלייגט פאר אלע דורות און זיי געוויזן, אז אויב מען לערנט תורה דארף מען נישט דאגה'ן פאר פרנסה, ווייל "הרבה שלוחים למקום", דער אויבערשטער האט גענוג וועגן צו שיקן פרנסה פאר אידישע קינדער.

## לימוד התורה ברענגט דעם שפע

**י]** מיר זעען, אז אין דער תפילה פון "ובא לציון" זענען מיר מתפלל אויף פתיחת הלב, אז מיר זאלן פארשטיין דאס לערנען, און מיר בעטן: "הוא יפתח לבנו בתורתו". אזוי אויך אין דער תפילה פון "בריך שמי'" בעטן מיר: "יהא רעוא קדמך דתפתח ליבאי באורייתא". אבער באלד דערנאך, ווען מען וויל זיך נעמען לערנען, קומט דער יצר הרע און צעטומלט דעם מענטש און קילט אים אפ פונעם חשק צום לערנען מיט א טענה, אז פון וואו וועט ער האבן פרנסה? דערפאר זאגט מען אין "אב הרחמים": "ויגער ביצר הרע", מען זאל אנשרייען דעם יצר הרע, אז ווען מען לערנט תורה דארף מען נישט זארגן, ווייל דער בורא שיקט פרנסה, ווי מען זעט דאס "מן הנשואים", פון די וואלקנס - ווי חז"ל זאגן אויפ'ן פסוק "והנשיאים הביאו את אבני השוהם", אז דאס גייט ארויף אויף די וואלקנס - וואס האבן געברענגט גוטע און טייערע שטיינער פאר אידן אין מדבר מיט'ן מן, און דאס איז א ראי' אז ווען מען איז מקיים די מצוה פון לימוד התורה, וועט דאס ברענגען פרנסה און שפע.

**1.** משנ"ב סי' קלד ס"ק יד. **2.** משנ"ב סי' רפב ס"ק א. **3.** שערי אפרים, שער י' סעי' ב. **4.** משנ"ב סי' קמו ס"ק יז. **5.** כן מצדד המשנ"ב סי' קמא ס"ק כה. **6.** כה"ח סי' קמט סק"ז שכן נהג האריז"ל כשהס"ת עוברת לפניו. ועוד כתב הרמ"א שם סו"ס קמט 'ויש שכתבו שמביאים התינוקות לנשק התורה, כדי לחנכם ולזרזם במצות, וכן נוהגין'. **7.** בשערי אפרים (שער י' סעיף ד'): וכל המתקרבים אצלם נושקים הס"ת בפה ואומרים ישקני מנשיקות כו', ואם קרוב אצלה ממש לחבק בזרועותיו יחבקנה בימין ויאמר וימינו תחבקני, ואם אין יכול לנשק בפה ינשק ביד. ובפתחי שערים מוסיף: עיין בקיצור של"ה [שכתב:] ובסידורים מלגלג על נשיקת היד; וליתא, דכיון שניכר שעושה זה שמנשק ביד במקום שיגע בס"ת שפיר דמי לעשות כן, שמראה כאלו ע"י הנגיעה בס"ת נדבק ביד רושם דקדושה ולכן מנשק שם. וע"ע בסידור בית יעקב מעמדין: וכל מי שספר תורה עובר לפניו חייב לעמוד מפניו ולחבקו בשתי ידיו אם אפשר לו ולנשקו בפה מלא, 'צריך להשגיח על הילדים הקטנים כשבאים לנשק הספר תורה שלא יהיו מלוכלכים בצואת החוטם ורירי הפה אלא ינקו אותן תחלה יפה שלא יהיה עונש למביאיהן'.

עלטערער בחור און האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ אז עס גייען אים נישט קיין שידוכים, און ער האט געבעטן א סגולה געהאלפן צו ווערן, האט דער גדול געזאגט אז ער זאל יעדן טאג לערנען אפאר הלכות פון הלכות שבת. דער בחור האט זיך געמאכט א שיעור פון אפאר מינוט א טאג צו לערנען הלכות שבת, און א קורצע צייט שפעטער איז ער געווארן א חתן.

שפעטער איז ער געקומען צו דעם גדול און האט אים געפרעגט דעם באדייט פארוואס ער האט אים געהייסן לערנען דווקא הלכות שבת, און וואספארא שייכות האט דאס אלס סגולה צו ווערן א חתן. האט דער גדול אים געענטפערט, אז ער האט געטראכט אז עס איז א דבר פשוט אז דאס זאל העלפן, ווייל שבת איז דאך דער זיווג פון כלל ישראל, און אז מען לערנט הלכות שבת, איז מען דאך עוסק דערמיט אינעם "שידוך" פון שבת כלה מלכתא אז עס זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, און "מדה נגד מדה", איז דאס אוודאי משפיע צו טרעפן א זיווג אין א גוטע שעה.

די מעשה האב איך געלייענט א צייט צוריק, ווען מיר האבן געהאט אין שטוב צוויי ערוואקסענע קינדער וועלכע האבן געווארט א לענגערע צייט פאר שידוכים. מיר האבן דעמאלט באשלאסן פארצולערנען יעדע וואך ביי דער שבת-סעודה עטליכע הלכות פון שבת, ארויסזאגנדיג זייערע נעמען אז דאס זאל זיין א זכות פאר גוטע שידוכים בקרוב - און ביידע האבן, ברוך ה', שנעל געטראפן א גוטן שידוך. מיר האלטן ווייטער אן דעם מנהג עד היום.

שבת איז דער מקור הברכה וואס ברענגט אונז אלע השפעות טובות, וואס דאס איז שייך נאר ווען מ'היט שבת ווי ס'דארף צו זיין, און דאס איז פשוט נישט מעגליך אן לערנען די הלכות.

יעזור ה' אז אין זכות פון לערנען הלכות שבת אין שטוב מיט די קינדער, זאלן נמשך ווערן השפעות טובות, גוטע שידוכים, פרנסה בהרחבה און נחת פון די קינדער, מיט אלעם גוטן. דער זכות הרבים זאל אייך ביישטיין לאויו"ש.

*

**צו מיטטיילן ערשט-האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים ביטע פארבינדט זיך צום הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכן פעקס 845-517-1692 אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170